# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Motke Der Geler/ Motke the Red

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2t32609b

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
Jacob Schaefer, Yankev Sheyfer/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יעקב שיפּער

# מאַטקע דער געלער

אַזוי האָט מען אים גערופן און אַזוי האָט ער זיך אַליין פאָרגעשטעלט. פאַר־וואָס? פשוט, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ געלער: געלע געקרייזלטע האָר, געלע ברעמען, געלע זומער־שפּרענקלעך. צי האָט ער געהאַט אַ פאַמיליע־נאָמען אויך? מסתמא, אָבער צו וואָס איז דאָס געווען נייטיק, אַז אַלע האָבן אים גוט געקענט אָן דעם.

געווען איז ער פון מיטעלן וווּקס מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און אַ פּאָר הענט! הענט? אַ פּאָר ידיים! אַז ער האָט עמיצן מכבד געווען מיט אַ מתנת־יד, האָט עס איבערגעלאָזט אַן איינדרוק אויף גאָר אַ לאַנגער צייט. הכלל, אַ יונג אַ גיבור.

מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט? דאָס איז געווען אַ סוד. עפּעס האָט מען געשמועסט וועגן ניט כשרע זאַכן, וועגן צו קלעפּיקע פינגערס, און אַז ער איז שוין געזעסן „סראַק" אויך. נאָר אויף זיכער האָט קיינער ניט געוווּסט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז גוישע כוליגאַנעס זיינען באַפאַלן אַ פּאָר ישיבה־בחורים און זיי אַכזריותדיק געשלאָגן. יידן שטייען פון דער ווייטנס און האָבן מורא זיך אָנצו־נעמען פאַר זיי. פּלוצים איז אָנגעקומען

נישט פאַרגעסן האָב איך
ווי דער טאַטע האָט מיך געלערנט
זיך האַלטן אויפן טייך
מיט וואַסער־טריט.
אין מיר בעסט
מיין מאַמעס צעשראָקענע אויגן
מיט טרערן פאַרשווומען
ווען אויסגעצוואָגענע
מיר פון טייך פלעגן קומען;
מיך גריזשעט דער אַמאָל —
ביי די פּאַנעס —
אונדזער גורל אויף דער שאָל...

— — — — — — — — — — — — —

כ'פאַרליר דעם תענוג פון שווימען,
די ליכטיקייט
ווערט מיר פאַרטונקלט,
דעם הימלס בלויקייט — פאַראַשט.
די זון — פאַרבלענדט.
מיין נאָך פאַרבליבן ביסל רו — פאַרקלעמט...
איך דערפיל זיך אין אַ פאַרשאָלטענעם פינצטערן עיגול.
די געזאַלצענע שפּריצן פון בענקשאַפט
אויף מיין פּנים
ווי צעקרישלטע ברעקלעך
פון אַ פאַרהאַנגענעם שפּיגל...

(סוף־זומער, 1979)

מאָטקע און דערזען וואָס דאָ קומט פאָר. טאַטע זיסער, אַז ער האָט זיך עס געגעבן אַ לאָז אויף די בויאַנעס, אַנגענומען זיי ביי די קעלנער און געקלאַפּט איינעם אָן צוויטן... בקיצור, ער האָט זיי אַזוי צעממיתט, אַז זיי זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. אמת, זיי האָבן באַוויזן אים צו צעשניידן דאָס פנים, אָבער דעם יידישן כבוד האָט ער געראַטעוועט.

פאַרבייגייענדיק די יידן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט פון דער וייטנס, האָט ער זיי צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק און זיך אָפגעטראָגן. פון דעסטוועגן וואָלט אַ באַלעבאַטישע יידישע מאַמע אים ניט אָנפאַרטרויט איר טאָכטער פאַר אַ ווייב.

* * * * *

אַוועק אַ פאָר יאָר, די וועלט האָט זיך איבערגעקערט, משוגע געוואָרן. די היטלערישע האָרדעס האָבן פאַרפליייצט גאַנץ אייראָפּע, אויך אונדזער שטאָט האָבן זיי ניט אויסגעמיטן און, פאַרשטייט זיך, די ערשטע זאַך זיך גענומען צו אונדז יידן. מיט דער הילף פון דער גוישקער באַפעלקערונג האָבן זיי אונדז אויסגערויבט, געפייניקט און געמאָרדעט. צום סוף האָבן זיי דאָס ביסל לעבן־געבליבענע יידן אַריינגעטריבן אין געטאָ.

אויך מאָטקע דער געלער איז געווען צווישן דעם הייפל איבערגעבליבענע. געהאַט האָט ער זיינע פאַרבינדונגען מיט די אַרומיקע פויערים און געהיימע וועגן צום פירן דעם שמוגל. אַדאַנק אים האָט מען ניט אַזוי געהונגערט. ער האָט אפילו איין מאָל אַריינגעשמוגלט אין געטאָ אַ לעבעדיקע קו, בכדי פרומע יידן זאָלן האָבן אַ שטיקל כשר פלייש.

מאָטקע איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ מונטערער, פלעגט אַלע מאָל האָבן אַ טרייסט־וואָרט פאַר יעדערן, געבנדיק, ווי זיין שטייגער, אַ קלאַפּ אין פלייצע: „איך מאָטקע דער געלער זאָג אייך, ניט געזאָרגט. מיר וועלן זיי איבערלעבן! און מיר האָבן אים אַזוי געוואָלט גלייבן...

נאָר ניט לאַנג האָט עס אַזוי געדויערט. די רוסן האָבן דורכגעבראָכן דעם פראָנט און זיך גענומען רוקן אַלץ נענטער. די דייטשן גרייטן זיך צו עוואַקואירן און אַ טייל געטאָ־אַסירים נעמען זיך צוגרייטן „מלינעס“, בונקערס, וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן ביז די רוסן וועלן אַריין. אָבער די דייטשן האָבן אַלץ אַנטדעקט און ווידער אומגעבראַכט אַ צאָל יידן. די איבעריקע האָבן זיי מיטגעשלעפט מיט זיך קיין דייטשלאַנד, וווּ מיר זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרבעטס־חיות. אַנשטאָט אַ נאָמען, האָט יעדער געהאַט אַ נומער און אַ חוץ אַ בלעכן שיסעלע אויף צו נעמען די וואַסערדיקע זופ, האָבן מיר שוין מער קיין זאַך ניט פאַרמאָגט. די האָפענונג דורכצולעבן איז געוואָרן אַלץ שווערער.

* * * * *

... פרילינג 1945. די דייטשן עוואַקואירן זיך שוין ווידער. דאָס מאָל אַנטלויפן זיי פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ווידער לאָזן זיי אַלץ איבער, נאָר אונדז שלעפן זיי מיט זיך. אויפן וועג שליסן זיך אָן צו אונדז נאָך לאַגערן. וווּ־אַהין פירט מען אונדז? מיר ווייסן זייער ציל: צום פאַרניכטן ערגעץ־וווּ אין די טיראָלער בערג. פלוצים... זע נאָר ווער עס איז דאָ! דאַכט זיך מאָטקע דער געלער. מיר האָבן אים קוים דערקענט. פון דעם אַמאָליקן מאָטקען איז געבליבן קוים הויט און ביינער און געווען איז ער נאָך געלער ווי אַמאָל. אין לאַגער האָט אים זיין יידישקייט ניט געהאָלפן און ער האָט געטיילט דעם גורל פון טויזנטער אַנדערע אויסגעהונגערטע, אויסגעפייניקטע, איז געוואָרן אַ „מוזולמאַן“.

מיר, רעשטלעך פון אַ גרעסערער גרופע חברים, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו האַלטן צוזאַמען, האָבן געפירט די וועגעלעך, אין וועלכע עס איז געלעגן דער „פראָוויאַנט“ — אַ שטיקל ברויט, וואָס זיי פלעגן אונדז אויסטיילן איין מאָל אַ טאָג. און מאָטקע האָט זיך גענומען בעטן: „לאָזט מיך, איך וויל גיין מיט אייך.“

מיט אַ מאָל איז אָנגעפאָרן אַ ריזיקער לאַסטוואָגן, אַריינגעטראָפן אין אונדזערע וועגעלעך, וואָס האָבן זיך אַוועקגעקייקלט אין אַלע ריכטונגען. מאָטקע האָט געקראָגן אַ שטאַרקן שטויס און איז אַראָפגעפאַלן אין אַ גרוב וואָס פאַזע דעם וועג. מיר האָבן אים אויפגעהויבן. ער האָט געקרעכצט און קוים געאָטעמט. מיר

(סוף אויף זייט 65)